תלמוד תורה
היכל הקודש
ברסלב - ירושלים
מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זי"ע
**בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א**
פרשת תרומה תשפ"ב

# אַ בליק

## אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

בס"ד

## נייעס אין חדר

**משנכנס אדר מרבין בשמחה**

ראש חודש אדר א' איז געפראוועט געווארן אין חדר זייער פרייליך, אנגהויבן האט זיך עס מיטן דאווענען, מען האט געזונגען הלל זייער געשמאק מיט שיינע ניגונים, דערנאך האבן די קינדער געטאנצן מיטן מלמד פאר א שיינע צייט, די טענץ זענען געווען אמת'דיג פריילך, מען האט געזען אויף די קינדער א אמת'ע שמחה, א גליקליכקייט און א סיפוק, ברוך ה' אז ביי אונז אין חדר טאנצט מען יעדן טאג און מען איז אייביג פריילך אבער משנכנס אדר מרבין בשמחה. מען טאנצט פון שמחה אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער און אונז אויסגעקליבן צו זיין זיין פאלק, אונז געגעבן די הייליגע תורה און די הייליגע מצוות, אונז מקרב געווען צו די הייליגע צדיקים וואס ווייזן אונז ווי אזוי צו לעבן, ווי אזוי צו לערנען די תורה און ווי אזוי עס צו מקיים זיין, מען האט זיך געפרייט אויף דעם וואס דער אייבערשטער היט אונז אלעמאל פון אלע גוי'אישע פעלקער וואס זוכן אונז צו פארלענדן און זענען גוזר אויף אונז שלעכטע גזירות, סיי בימים ההם און סיי היינטיגע צייטן וואס עס הערשט א מבול פון כפירה ואפיקורסות איבער די וועלט אבער דער אייבערשטער היט אונז און האט אונז געשיקט זיינע צדיקים זאלן אונז לערנען א וועג ווי אזוי צו גראטעוועט ווערן פון די אלע שלעכטע ווינטן וואס בודז'עווען אין די גאסן.

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו

## פרנס השבוע

די הוצאות התלמוד תורה פון די וואך
איז נתנדב געווארן דורך ידידינו היקר
מוה"ר **ישראל גרומאן** הי"ו
הר יונה

און דורך ידידינו היקר
מוה"ר **יהושע וואלף** הי"ו
אלעד

דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן
מיט אלעס גוטס ברוחניות וגשמיות

בברכה
ההנהלה

## געלערנט די וואך

**שלום צווישן אידן**

מיר האבן פארציילט פאר די קינדער אז ווען אידישע קינדער האבן זיך נישט געהאלטן בשלום האבן די כרובים זיך אויסגעדרייט איינער פון צווייטן, דאס ווייזט אונז אז דער אייבערשטער רוהט נישט אין א פלאץ וואו עס איז דא מחלוקת, דער אייבערשטער רוהט נאר אין א פלאץ וואו מען האלט זיך בשלום און מען פארשטייט זיך איינער מיטן צווייטן, אפילו ווען איינער טראכט אנדערש ווי מיר, ער פירט זיך אויף אנדערש ווי מיר דארף מען אים קענען פארשטיין און פארטראגן, דער אייבערשטער האט באשאפן יעדן איינעם מיט זיינע נאטורן און מ'דארף זיך קענען אויסקומען איינער מיטן צווייטן, אפילו אויב איך וועל דארפן מוותר זיין און ארויסגיין פון מיין וועג לוינט זיך עס אבי עס זאל זיין שלום.

## א בילד פון חדר



די קינדער שפילן זיך
שיין מיט די שניי
וואס דער
אייבערשטער האט
געברענגט אויף
ירושלים

## מעשיות פון תפילה

**ש'כח אייבערשטער אז אין אונזער חדר געבט מען אריין אין די קינדער פון יונגערהייט די הייליגע עצות פונעם רבי'ן און בפרט די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, אלע קינדער אין חדר געוואוינען זיך צו אז יעדע זאך וואס זיי דארפן בעטן זיי פונעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות**

**מרדכי פערל** - איך גיי מיטן אייבערשטנס הילף ווערן נאך א פאר וואכן זיבן יאר און איך האב זייער שטארק געוואלט זיין ביין ציון פונעם הייליגן רבי'ן אין אומאן און זוכה זיין צו די הבטחה וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון פאר די זיבן יאר וועט זוכה זיין צו גיין צו זיין חתונה מיט א ריינע העמד. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען זיין ביים ציון נאך פאר די זיבן יאר, און ש'כח אייבערשטער אז די שבת קודש פרשת תרומה גיי איך מיטן אייבערשטנס הילף זיין אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן.

**מוטי פאפנהיים** - איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן אז מיין טאטע זאל טרעפן א גוטן פלאץ וואו צו שטעלן זין אוטו ווען ער קומט מיט אונז אין חדר, און ש'כח אייבערשטער אז יעדן טאג טרעפן אונז א גוטע פלאץ וואו זיך אפצושטעלן.

**רפאלי פאפנהיים** - איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין מאמע זאל מאכן די סארט קאמפאט וואס איך האב ליב, און ש'כח אייבערשטער אז מיין מאמע האט געמאכט די קאמפאט וואס איך האב ליב.